אֲבָל לֹא דָּבָר גָּדוֹל שֶׁחֶזְקָתוֹ גָּזוּל אוֹ גָּנוּב מִשֶּׁל אֲחֵרִים וְכַמָּה הוּא דָּבָר
מוּעָט הַכֹּל לְפִי עוֹשֶׁר הַבְּעָלִים וַעֲנִיּוּתָם:

דז איז טייטש דז דיא גבאים פון צדקה דרפין ניט נעמן צדקה פון דיא ווייבר
נייארט איין קלייני זאך אבר פיל דרפן זיא ניט נעמן· דען אמתמא איז עז
פון גזל אונ׳ זיא הט עז גנומן פון פרעמדי בגזילה ווען שון עז איז פון אירן אמן·
אונ׳ איין קלייני זאך מאג מאן יוא פון זיא נעמן אלז נאך אירט אמנט געלט
נאך· ווען ער רייך איז דא מאגן זיא מער נעמן· אונ׳ ווען ער ווינציג הט זאל מן



oh 17

זיא ווילליג נעמן· אונ' דז איר ניט ווערט דר מאנן צו געבן צדקה· אבר ווען
דר מאן איז ניט צו פרידן זא דרפן דיא גבאים ניט נעמן פון זיא ווען שון
ווילליג: דען הש"י ב"ה בגערט ניט עז איין מענש זאלט מיט אום רעכט
געלט צדקה טון· הט דר נביא ישעיה גזאגט (בצדקה תוכבבי רחקי מעושק)
דש איז טייטש דורך צדקה ווערשטו גשטערקט אונ' גיפוטשט זיין דרום ברייט
דיך אן צו טאן צדקה· אונ' ניט ד"א זאלשט דענקן וויל איך דיר הייט צדקה
צו טאן מענגשט: אפילו מיט אום רעכט געלט טאן גנבן אודר גזלן אודר פאלש
שווערין נאר צדקה צו טאן· דרום זאגט ער (רחקי מעושק) דש איז טייטש
זייא דיך פערן אונ' זייא דיך ארחיק פון גזל אונ' פון אום רעכט געלט צו
טאן דר פון אפילו צדקה· דען איך בגער ניט אום רעכט געלט דש אן זאלט
דר מיט מצות טאן: אבר בזונדרט טואן דיא ווייבר ניטש זעם טאים נייארט
איר גאוותנות זאל פארט גין· אונ' ווען זיא איין חיתן טוט מיט איר טאכטר
אזו בגערט זיא ניט תורה אודר מעשים טובים· נאר ווען ער איין עושר
איז דש ער קאן שיקן איין שיני מתנה דז איז בייא זיא דר בעשטר חיתן
אונ' דש איז ליבר אז דיא הייליגי תורה· אוי וויא זיא האבן זיך גבעטערט אין
דען טיפשטן גלות אונ' דען שווערן ביטרן לייטן· אז דיא גאוותנות איז פר
האנדן אזו זיינן אלי דיא אוויקן ניקט גיאכלט דיא טאחה איז פר פאל· אונ'
נעביך דען ארם בחור זעהן זיא ניט אן ווען ער שון וואול לערנט אונ' פרום
איז· אונ' איר אילטיגי ווייבר זאלט רעכט וויסן דש איר זיך ניט קעני ווערט
פר ענטפרן דש איר האט שיר גאר דיא טויל דש דיא תורה איז בעו"ה
גיאינרט גיוואָרן פון ישראל· אך וויא גיט עז צו בעו"ה אויך דר זינדיגי וועלט
דז קרעגן סעריל גהעפטי טיך זעלט חם ושלום בעשר זיין אז דיא הייליגי
תורה· אוי וויא זיינן דיא אילטיגי ווייבר מותרתת האבן איין מעלטיגי
מטח ווארן אן גפאנגן· האבן היפש גטוישט די אייביגי סחורה דז אן קאן
ברענגן אויף יענר וועלט אין גן עדן אויף איין טפלה סחורה די עז ניט לאנג
גיוועהרן קענט:

**ה זעהט** ווען עז קומט דז איר מאט ווערט וויא היבט איר אן מיט
אייר ברילן אונ גרילן שטארק צו ברויכן· אונ' איר פר געסט
אן גאלד אונ' זילבר· עז איז אייך זער מיאוס גוואורן אין איירי אויגן· עס
איז איר דאך איין וואונדר דש איר ניט גיט אויך אין איירי עלטר אין גאלד אונ'
זילבר אונ' איין זיידן דש איר קענט דר מיט קויפן אין גן עדן אריין· דארטן
ווער עז בעשר צו נוץ גקויפן דש איר קענט אויף איין לאנגי צייט דר האלטן
דז איך זיך דז איר אייר לייב אונ' לעבן אויף גיט פון וועגן די נארשי גאווה· הט
איר איר ניקט פר איבל עז גיט צו מיט איך עבן צו מיט איירי גאווה אז איך האב
גהערט זאגן איין שין משל· עז ווער איין מאל איין הער דר הט גפאנגן
איין לעאפרט אונ' ער לאזט אים דיא הויט אב שינדן אונ' פולט אן דיא הויט
מיט הייא דש עז זאל טריקן· אונ' דר איזל קומט אונ' זיכט הייא אן גשטאפט
אונ' פאנגט אן צו עסין דז הייא· אונ' ער שטעקט זיין קאפא אונ' דר נאך זיין
גאנצן לייב אין דיא הויט אריין ביז ער גאר דז הייא הט אויף גיגעסן· אונ'
דיא הויט קלעבט אן זיינם לייב· וויל זיא נאך פייכט וואר אונ' דער נאך איז

עז

עז אין גידארט אין זיינם לייב · אונ' דר איזל דענקט דש איינר וויל אים פֿאמט
נעמן אונ' וואר זיך דר טרעקן אונ' לאפֿט אין פֿעלד אריין · אונ' אינער אז ער
לאפֿט וואר ער זער היליג אונ' דיא הויט וואר אין זיינם לייב גאנצן פֿאטשט אונ'
ער וואר זער איד אונ' וואר דארשטיג דא לאפֿט ער צו וואסר טרינקן · דא
זעהט ער זיך אן אונ' ער איז גאר היפש אונ' שין נון וואר ער גדענקן אין
זיך אזו היפש אז איך בין גוואָרן · אונ' איך זאל ווערקן שווערי ווערק איינם
הערן אונ' ער לאפֿט אוועק פֿון זיינם הערן אין וואלד אונ' שטעלט
זיך אן זער הופֿרטיג · נוא אל דיא חיות דיא זעהן אים אן דא וואָרן
זיא זיך פֿר וואונדרן דש זיא האבן נאך ניט גיזעהן אזו איין בישעפֿניס אונ'
לאפֿן פֿון אים אוועק · עז וואר איין אל דא אלי דיא חיות קומן צו זאמן צו
אירן אלך דען לייב אזו שפרעכן זיא צו אים איר האבן אוז גזעהן אין נייא
בישעפֿניס · דז לייב איז אזו בייא איין לעאפרט אבר דיא פֿים זיינן עבן אזו
בייא איין אנדרי בישעפֿניס · דר לייב שפרעכט צו זיא איר זאלט איר דאך
אים ברענגן צו איר איך וויל אויך אים איין סעודה אכֿן אונ' איך וויל וויסן
וואז דז פֿר איין חיה קענט זיין · דיא חיות לאפֿן גשווינד אונ' ברענגן אים
צו דען לייב אויף דר סעודה · אונ' אן זעצט אים אובן אן · אונ' דר לייב איז
אים זער מכבד אונ' גיט אכֿטונג אויף אים דז ער וויל דר קענן וואז ער פֿר
איין ( בריה אודר חיה ) איז · אונ' וויל דר איזל איז קיין חכם אונ' ווייש ניט
וויא אן זיך נוהג איז פֿר איין אכֿילות אונ' וויא אן זיך זאל אן שטעלן · אונ' דער
איזל טעט ווייזן זיין גרוסי נארשקייט · אבר דר לייב וואר זיך פֿר וואונדרן אונ'
טעט אים אן זעהן אונ' זאגט ווען ער וואז רעכֿטש ווער זא וועלט ער וויסן
וויא אן זיך נוהג איז פֿר איין אכֿילות · דר לייב זיכֿט אים רעכֿט אן אונ' דער
קענט אים דז ער איין איזל איז · נייארט דז איין הויט פֿון איין לעאפורט איז
איבר אים בידעקט גוואָרן · אונ' דר לייב נעמט אן בייא דען עק פֿון דר הויט
אונ' ציהט זיא אים אב איבר זיין קאפא · אזו בלייבט דר איזל שטין איין
רעכֿטר איזל וויא ער איז צו פֿר גוועזן · אונ' דר לייב הט אן בפֿולן דאז אן זאל
אים שלאגן וואל · אונ' דר איזל איז אנטלאפֿן מיט גרוסי וואונדן אונ' ער וואר
בקענן אויף זייני זינד דאז אים האט גבראכֿט דיא בטריבטי גאוה פֿון
וועגן דיא הויט דען לעאפרט · אונ' ער וואלט גערן ווידר
קומן צו זיין הערן אבר ער קען ניט דז לאנד גפֿינדן דען ער וואר גאר טיף
אין וואלד גלאפֿן · אונ' איז אזו נע ונד זיין : נוא קאן אן מערקן דאז אל דיא
זעלביגן דיא דא גאוה ברויכֿן ווערט עז גוויז ניט בעסר אויז גין וויא דר מאת
איז מיט איין טייל גאוות: אז איר בקומט אין הנד ווייר אמנט געלט אודר
איר פֿר דינט עז זעלבשט אזו ווישט איר ניט וואז איר זאלט דער מיט טאן ·
אונ' וויל עז איז איין אום רעכֿטר גארטן דען איר דארפֿט ניט נעאן פֿון איירן
אמנט געלט וואנדר זיין ווישן · נייארט וואז עש אן בילאנגן איז וויא די גאוה זאגט
פֿיל גוטי אנשים פֿון פֿרומי ווייבר דז זיא האבן גוטש מיט עמן שפייז גטאן
אבר אילו כדרט וויל איירי אחשבֿות זיינן אלי ניט לשם שמים נייארט אלי פֿון
גאוה וועגן דרום קומט דר יצר הרע אונ' רעט אייך אן · דש איר זאלט מיט

דאז

דאז געלט עבירות טואן וויא הט מיר מיין לב צו גין מיט גילדני אדר זילברני
פאטמאאן אן איירי קאפא איין טייל העלפטן עז מיט פעריל · אונ׳ דער נאך
רעט דר יצר הרע זיא אן דש זיא זאלט טראגן פיל קרעלן מיט גאלד גיארן ·
איין טייל רייכי טראגן גאר פיל אויך האבן זיא אן אנגעלין אויך איר האלז · דר
נאך שלעפט דר יצר הרע זיא דש זיא זיך אין שפיגל זאלט אן זעהן דא דיא
נארן זיך אין שפיגל וואול גזעהן הט · דא דענקט זיא דאז איז ניט איר גלייכן
נוא אז דר יצר הרע זאגט דז איר כוונה איז ניט לשם שמים · דא רעט פר
זיא אן נאך ווייטר אין דיא הופרקייט דש זיא זאלט זיך אמכן קליידר אז דיא
אוואות העולם ווייבר גין אויר לייאז קלער אין מאוט גאלד אונ׳ זילבר דש איז
נאך ווילליג הופרקייט · ער רעט זיא אן צו אמכן געהעפטי היטליך אך בעו״ה
זיא איין איבר מאון איז דז מאוט צו העפטן (אי שאע ואי רמה כוחת) · וויא
איין אויז טראגבטן איז דז (ועל כל זאת בעו״ה) ניען זיא נאך אובן אן אויך דען
היטל גילדני קנעפליך · אונ׳ דז איז דש רעכטי אורט וואו דר יצר הרע דרינן
זיצט אונ׳ לאכט פון אייך אונ׳ שלעפט דיא נארן אופט צו בזעהן זיך אין שפיגל
דיא נארשי גאוה · אונ׳ דר נאך לאפט זיא אין שול אריין כלאר זיא איז איין
פרואי פרויא דש זיא גיט פליסיג אין שול. אבר אין אירן הערצן איז נייארט
צו זיין איירי עשירות אונ׳ אז זיא אמכט הט בייא אירן אמן צו טאן וואז זיא
וויל אזו איז זיא אין תאות לבו ביז דש זיא אלט ווערט · אז זיא נוא אין אירי
עלטר קואט דא זיא דענקט דש זיא או: באלד גין אויך יענר וועלט · אזו הט
זיא נוא אער קיין לוסט גאוה צו האבן אונ׳ הט גרוש חרטה דש זיא האט
איר יונגי צייט אין ניקש פר בראכט · אין צירן אונ׳ אין שפאצירן אונ׳ דברים
בטלים : הן אין שול הערט אן איירי קולות אער אז איר אריין דאז ווערט איר
איר זעלבשט בקענן דש איר אין איירי עלטר ביט גאט דען אלמעכטיגן מיט
פאלן הערצן אונ׳ טוט זאגן פיל תחינות מיט וויינן · איר ווינשט אויך אייך דש
איר וועלט ניאר גאוה תאוות טרייבן ווען איר זעלט ווידר יונג ווערן אבר עש
העלפט שון ניקש · עז איז קיין דאקטר דש ער זיך זאלט אן נעאן פון אלט
יונג צו אמכן נייארט דר גאט אלמעכטיגר דר קאן עז דר לענגן דיא יארן פון
דען אענטשן · ווער עז איים דינט פון פאלן הערצן אונ׳ טוט תשובה אויך זייני
זינד אונ׳ גאט טוט גרוש גינאד דען אענטשן אונ׳ לאזט איים נאך בייא זיין לעבן
דש ער זאלט טאן רעכט תשובה : וויא דוד המלך האט גזאגט

הַסּוֹלֵחַ לְכָל עֲוֹנֵכִי הָרוֹפֵא לְכָל תַּחֲלוּאָיְכִי׃ הַגּוֹאֵל מִשַּׁחַת חַיָּיְכִי הַמְעַטְּרֵכִי
חֶסֶד וְרַחֲמִים׃ הַמַּשְׂבִּיעַ בַּטּוֹב עֶדְיֵךְ תִּתְחַדֵּשׁ כַּנֶּשֶׁר נְעוּרָיְכִי׃

דאז איז טייטש דער אענטש גהערט גאט צו לובן אונ׳ בקענן זיין גרוש גינאד
וואז ער טוט מיט דען זינדיגן אענטשן · אונ׳ דרום הט דוד המלך גזאגט דער
דיר פר געבן האט אל דייני זינד אונ׳ דר דיך גהיילט הט אלי דייני קרענקהייט ·
דען ווען דר אענטש זינדיג איז אזו זיינן אלי זייני (אברים) פון זיין נשמה אלי
קראנק דען עבן גלייך אז דער אענטש האט צווייא הונדרט אונ׳ אכט אונ׳ פירציג
גלידר · אונ׳ דרייא הונדרט אונ׳ פינף אונ׳ זעכציג אודרן דיא לייביג זיינן · אזו אויך
הט דיא הייליגי נשמה רמ״ח אברים אונ׳ שס״ה גידים אין ליכטיגט דאש ער

מיט

מיט קומט אויך יענר וועלט אין גן עדן · אז דר מענש זינדיגט אזו פֿר דארבט ער
דיא גלידר פֿון זיין נשמה דרום זאגט ער דאש גאט האט גיהיילט אל זייני
קראנקהייט פֿון דער נשמה · דש ער אים זייני זינד פֿר געבן האט אונ׳ פֿון
וועגן דש ער האט דיך א״יז געלויזט פֿון דען גרובן דש גיהנם · אונ׳ דוא זאלשט
ניט דענקן דש עז איז פֿון דיינט וועגן נייארט ער האט בעקריינט דיך מיט
גרוש גנאד אונ׳ דר בארמקייט · ניקש מער דוא ווערשט דענקן וואו איז דש
מיגליך דש אל מייני זינד זאלטן פֿר געבן ווערן · איך האב דאך אזו איין לאנגי
צייט אונ׳ פֿיל יארן אין גרושי זינד פֿר בראכט אונ׳ היינט בין איך יוא אלט וויא
פֿיל קאן איך גוטש טאן · דרום זאגט דער פסוק ער ווערט דיך מאכן זעהן
מיט גוטיקייט דיין יוגנט דש דוא קענן ווערשט אים רעכט דינן · אונ׳ ער
טוט דיך בנייאן דיין יוגנט גלייך אז וויא איין אדליר בנייאט ווערט · דען
אנדרי חכמים זאגן דש דר אדלר לעבט צער לאנג אונ׳ אז ער איין צייט עלטר פֿליהט
גאנץ הויך אונטר דען הימל אזו פֿר ברענן זייני פֿעדרן דיא אלטי אונ׳ ער פֿאלט
אין ים הגדול · דר נאך וואקסן אים יונגי פֿעדרן דש ער ווידר יונג ווערט · אזו
טוט גאט אויך בנייאן דען מענשן זיין יארן אונ׳ דר לענגט אים זיין טעגן גלייך
אז ער ווער נייא גבארן דיא זיך בקערן מיט פֿולן הערצן צו דען אלמעכטיגן
גאט צו דינן אים מיט פֿול מאכט אונ׳ קראפֿט:

ז אונ׳ איין מאל קומט דאך איין טייל דיא שולד פֿון דיא רבנים ווייבר אונ׳
דאקטורים ווייבר אונ׳ דש זיא האבן רעכט גשטארקט דיא גמורה צווישן
ישראל ווייל זיא האבן קיין מורא פֿר דיא בעלי תקנות · אונ׳ דש מאכט דאש
אנדרי רייכי ווייבר זיינן מקנא אונ׳ ווילן אויך אזו גין · איך וויש ניט איין טעם
ווארום דש זיא מער היתר זאלט האבן אז אנדרי ווייבר אדרבה זיא געהער
נאך אנדרי צו שטראפֿן אונ׳ ברענגן צו גאטש דינשט וויא עש איין מאל אן
שטיט זיא · דש זיא זאלטן שטראפֿן אנדרי ווייבר אונ׳ דרום געהערן זיא זעלבשט
צו גין אז מייני דיא אין גלות מיז · זיא זיינן גנוגן חשוב מער אז אל דיא ווייבר
אין קענן זיא וואל ווען טון זיא ווערט ניט גין אין זיידן אודר אין גאלד אונ׳ זילבר ·
אונ׳ בעו״ה דיא גרושי חנופה האט גובר גוועזן דרום איז גשטארקט דיא
גרושי גמורה דש איינר דען אנדרן וויל ניט מוכיח זיין אין גאטש זאכן · אבר
ווער וויל זיך נעמן אין הערצן דז אויך יענר וועלט ווערן אלז גלייך ארם אונ׳
רייך דז מן ווערט ברענגן צו דען יום הדין גדול ונורא: זעלבט נאר צו וואז דיא
גמרא זאגט

ח אָמַר לֵיהּ רַב פַּפָּא לְאַבַּיֵי מַאי שְׁנָא קַמָּאֵי דְּמִתְרַחֵשׁ לְהוּ נִיסָּא וּמַאי שְׁנָא
אֲנַן דְּלָא מִתְרַחֵשׁ לַן נִיסָּא אָמַר לֵיהּ קַמָּאֵי הֲוֵה קָא מַסְּרֵי נַפְשַׁיְיהוּ עַל
קְדוּשַּׁת הַשֵּׁם: וכו׳ כִּי הָא דְּרַב אַדָּא בַּר אַהֲבָה חֲזֵי לְהַהִיא גּוֹיָה דִּסְוָה לְבִשַּׁת
כַּרְבַּלְתָּא בְּשׁוּקָא סָבַר דְּבַת יִשְׂרָאֵל הִיא קָם קַרְעֵיהּ מִינָהּ אִיגַּלַּאי מִילְּתָא דְּגוֹיָה
הִיא שַׁיְּימוּהָ וכו׳:

דז איז טייטש רב פפא האט גפֿראגט צו אביי ווארום פֿלעגט גאט צו טאן פֿיל
וואונדר דיא ערשטי דורות אונ׳ ווארום היינט זעהן איר קיין נס ניט · אבר
אביי טוט ענטפֿרן דיא ערשטי דורות פֿלעגן צו טאן אלז פֿון גאטש וועגן הן
אין

אאון הן איט מירי ליבר · זיא פֿלעגן זיך אומר נפֿש לו זיין פֿון וועגן קדוש
שם דרום האט גאט זיא מויך נימם גיטאן · אבר איר זיינן ניט אומר נפֿש
פֿון קידוש השם וועגן דרום טוט מונז הש״י ב״ה קיין נימים ניט · וויל איר
ניט טואן פֿון גאטש וועגן איט פֿולן הערלן אז דיא ערשטי לייט · אז איר
מויך גפֿינדן דש רבֿ אדא בר אהבֿה האט גזעהן וויא איין פֿרויא איז גיגאנגן
מיין אחרק אן גטאן מיין איין שעם רחק · הט ער גאיינט דאז זיא איין יהודית
איז אונ׳ ער רייסט אב פֿון איר דען רחק דען דש איז איין גרושי זינד דש איין
בת ישראל זאלט אזו אן גיקלייד גין · אונ׳ דר נאך וואר אן דש לו וויסן דש עס
וואר איין גויה אונ׳ ער אוזט קנס איר געבן פֿיר הונדרט גילדן : רבינו שאאל
אידלט שרייבט דש זיא האט אן געהאט איין רוט קלייד דאז דר סדר ניט איז
פֿון בנות ישראל דש זיא זיך אזו אן קליידן · דש גלייכן וועד עז דאט זיא זיך
ניט בלניעות זאלטן האלטן אונ׳ פֿיליכט אעג זיא אנדרי לו זינד ברענגן וויל
זיא גיט לו גלייכן אז דיא אואות וויבר גין :

ט נאא איר וויבר נעאט איין ראיה פֿון דיא גארא דש דער תלמיד חכם
הט אב גיצוגן איין רוט קלייד אין אחרק וויל ער הט גאיינט דז זיא איז
איין בת ישראל אוז דאך זיין דאט אן ניט טאר גין אזו איין גלייכנט אז דיא
אואות העולם וויבר גין · פֿיליכט אעג זיא לייט לו זינד ברענגן אונ׳ איר
גהערן אלי לייט לו זעהן דאט איר ניט זאלטן לייט לו זינד ברענגן : אז איר
גפֿינדן מויך אין דיא גארא (ואדנו ירחת חטא אבתולה) דש איז טייטש איר
לערנן גאטש פֿארכֿט פֿון איין בתולה דיא איז גוועזן זער היפש · אונ׳ האט
טאג אונ׳ נאכֿט פֿלייסיג תפֿילה גטאן דש לייט זאלטן ניט זינדיגן פֿון אירנט
וועגן · אונ׳ זאגטן אנדרי טעאים דש איין בת ישראל זאלט ניט הערליך זיך
אן ליהן אונ׳ גין פֿרייא מויך דיא גאסן פֿון דיא אואות וועגן · פֿר טוויגן איר
וויבר ברורות אלו דש איר גיט איין גאלד אונ׳ זילבר וויא ווער עז ביליך דז (הירא
והחרד את דבר יי׳) זאלט עז אב רייסן פֿון איירי לייבר אונ׳ ניט חופה לו
טרייבן דש אן זאלט פֿר זעהן איינר דען אנדרן · אבר בעו״ה (איט לדרכו
פונה ) דש איז איטליכר זיכט אן זיך נאר זיין כבוד זאלט פֿארט גין · ער וועלט
זיך ניט אתגרה זיין איט קיינם פֿון גאטש וועגן דען ער האט אורא דאט זיין
כבוד וועדט גיאיינרט וועדן דש זאן אים ניט זאלט מוטר שמחה זיין · אונ׳ דאט
אים ניט גיהינדרט וועדט איין אנדרט אאל אאז זיין כבוד אן ביזאגגן איז ·
אונ׳ דריבר האט זיך גשטארקט דיא גרושי חנופה ברורות אלו דאז איטליכר
איז הורף אחר הכבוד אידרר וויל פרנס ואנהיג זיין · דרום וויל מויך איינר דען
אנדרן ניט שטראפֿן :

י (ובזה ידעתי כי כל גאוני ארץ וחסידים ) דאט אלי דיא פֿרואי רבנים
אונ׳ חסידים וועלן איר אוחל זיין דש איך בין (ארבה בדברים איט אטר
נגע ירחת אלהים בלבו ואי לה׳ ויאטפֿו אלי) דש איז טייטש דר זעלביגר אאן
דר דא האט גאטש פֿארכֿט אין זיינם הערלן גשטארקט · אונ׳ דר פֿון גאטש
וועגן וויל באאת טאן דער וועדט גוויש אייני ריד אין אכֿט נעאן לו פֿר שטין
דז איך הב גטאן לשם שאים (כי התלאה אאין תאלא) דען עז איז קיין תלאה
(בעיני החלאים רק קנא קנאתי ליי׳ אלהי לבאות ברמותי שערוריה) : דש דיא
גאותנות איז זער גשטארקט גוואדן אין דיא טווערי לייטן

# פרק שביעי

א מלאכי ה׳ זכרו תורת משה עבדי אשר צויתי אותו בחורב על כל ישראל חקים ומשפטים · הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בא יום יי׳ הגדול והנורא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם וגו׳:

דז איז טייטש גדענקט דיא תורה פֿון משה איינם קנעכֿט דש איך האב אים גבאטן אין חורב געגן אונ׳ גריכֿטן אויף אל ישראל נון איך שיק צו אייך דען נביא אליהו צו פֿר אן אז דר גרושי אונ׳ פֿארכֿטזאמי טאג פֿון גאט קואן ווערט וגו׳ · נור איר קינדר אברהם יצחק א׳ כ׳ יעקב דאש גליבטי פֿאלק אונ׳ אויז גקליבן פֿון שבֿעים אומות צו דען דינשט אונ׳ לוב דען אלמעכֿטיגן גאט · אונ׳ די אילונד פֿר שפרייט זיינן אין דיא גאנצי וועלט אונ׳ ליידן נעבוך דאן שווערן אונ׳ ביטרן גלות פֿון וועגן דיא ליבשאפֿט פֿון דען היילגן גאט ישראל צו פֿר ווארטן זייני איביגליכֿי הילף · דיא זאלן זיך פֿרייאן אונ׳ זאלן לושטיג זיין דז אונזר האפֿנונג איז גוט אונ׳ ווארהאפֿטיג · אונ׳ אונזר היילגי תורה איז איביג אונ׳ אימר · אונ׳ דז זיא ניט פֿר וועקסלט איז דאס ווארט אונ׳ ווערט אויך ניט פֿר ענדרט ווערן · וויל איר זעהן דאך דש השי״ת ב״ה האט גזאגט דורך דען לעצטן נביא

כי היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עושה רשעה קש ולהט אותם היום הבא אמר יי׳ צבאות אשר לא יעזב להם שרש וענף: וזרחה לכם וגו׳

דז איז טייטש נון דר טאג קומט ברענט גלייך אז ווי אין אובן אונ׳ אל דיא אמטווילגי אונ׳ אל דיא טואן בוזהייט ווערן זיין גלייך אזו ווי שטופלן אונ׳ דער ריכֿט טאג דר דא קומט ווערט זיא אנצין פֿלאמן · שפריכֿט גאט צבאות דר דא ניט ווערט לאזן איבן איין ווארצל אדר איין צווייג · אונ׳ צו דיא זיך פֿר איינם נאמן פֿערכֿטן זאל דיא זון דר גירעכֿטיגהייט שיינן · נון קענן איר זעהן פֿון דען היילגן נביא דש ( באחרית הימים ) ווערן אלי דיא רשעים גשטראפֿט ווערן איט פֿייאר דש עס ווערט פֿון זיא קיינר איבר בלייבן:

ב דרום געהערן איר ניט אקגא צו זיינן ווען שון עטליכי אמטווילגי וואל גיט אויף דר וועלט איז דאך ניקש גיאכֿט איר וואל טאג · דען דיא טאוה פֿון עולם הזה איז ביא דען אפֿגנטן ניט אויף צואג אבר דר עונש פֿון די רשעים ווערט זיין לעתיד לבא צו איביג אונ׳ אימר · אונ׳ וויל דר נביא האט געזעהן דש איר אזו לאנג ווערן זיין אין גלות · אונ׳ ווען זעהן דאש פֿיל אמטווילגי ווען האבן פֿיל גוטש אונ׳ דש איר ניט זאלט זיך לאזן אב פֿירן פֿון דיא היילגי תורה: דרום האט ער גזאגט דש זיא ניט זאלן דענקן אן טובות עולם הזה דען אין לעצטן טאג ווען אלי דיא אמטווילגן גשטראפֿט ווערן · אבר איר ישראל דיא דא גאט דען אלמעכֿטיגן זיין נאמן קענן רעכֿט דיא ווען אנטרונן ווערן פֿון דען יום הדין הגדול פֿון זכות התורה וועגן דש איר האט גהאלטן אין גלות · דרום זאגט ער זכרו תורת משה דש איז צו זאגן איר זאלט גדענקן צו היטן תורת משה דיא איך האב אייך גבאטן אויף דאן בערג סיני · צו וויזן דז דיא היילגי תורה ווערט ניט פֿר ענדרט ווערן איביג אונ׳ אימר אונ׳ איר זאלט שטארק אין אכֿט נעמן דיא תורה אונ׳ דז איז דיא ווארהאפֿטיגי תורה אונ׳ קיין אנדרי

אער

עבר· אונ' ווען שון דש איר מוזט לאנג ווערט אין גלות זיין דאך זאלט איר זיך
ניט לאזן אב פירן פון דיא הייליגי תורת משה· נייארט איר זאלט האפן דש
איך וויל אייך אויז לייזן אויז דעם גלות· דען איך וויל שיקן אליה הנביא דער
רעכטר לייזר אן דעם לעצטן טאג: נאך גיהערן איר קינדר ישראל די הייליגי
תורה וואל אין אכט צו נעמן מיט גרוש ליבשאפט דש דער זכות זאלט אונז
העלפן באלד צו קומן אין ירושלים:

**ג** נאך נעמט אייך איין רמיה אין הערצן אונ' דר וועקט אייך פלייסיג צו דינן
הש"י ב"ה אונ' טוט אז לשם שמים· אולי ירחם דאז איר ישראל ווערט
גרעטר אונ' אבער זכיות ברענגן דש זיא זאלטן אונז בייא שטין צו דר לייזן אונז
אויז דעם שווערן אונ' ביטרן גלות:

**ד** וועלכי וויל יוא לייאנן נאך אובנט אונ' אמרגנט ווערט גווישליך אנטפאנגן
מיט ליבשאפט דיא שטראף דיא דרינן גשריבן זיין גווארן אונ' אויך
אדריך צו זיין אייני די אנדרי אין גאטס דינסט· איין מדרש איז

כָּל הַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה כְּשֵׁרָה כְּאִלּוּ קִיֵּם כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ לְפִיכָךְ נִכְתְּבָה אֵשֶׁת חַיִל מא' וְעַד תי"ו וְאֵין הַדּוֹרוֹת נִגְאָלִים אֶלָּא בִשְׂכַר נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּדּוֹר

די איז טייטש ווער עז נעמט איין פרומי פרויא דער איז גלייך אז ער זאלט דיא
תורה האלטן רעכט דרום איז אויך גישריבן דר גאנצר אלף בית אין די פסוקים
פון אשת חיל דש דר פסוק רעדט פון איין פרומי וויב אירי גוטי מידות צו ווייזן
ווען זיא איין פרומי פרויא איז דש גלייך אז איר מאן זאלט כל התורה מקיים
זיין אונ' דיא ישראל ווערן ניט אויז גלייזט נייארט פון וועגן דען זכות פרומי
ווייבר· נאך אז דאך זיין דש עז איז פיל גילעגן פר הש"י ב"ה אייר מעשים
טובים וואז איר טוט· נאך ווארום זאלט איר זיך אזו פר גרינג האלטן אונ' אב
טאן פון זיך דיא הייליגי תורה· אן קאן אויך פרעגן אויף דעם מדרש וואז איז
דען אזו גרוש אונ' פיל דיא אלות: וואז איר טוט איר האט דאך ווינציג תורה
דיא איר אויז האלטן· אונ' ווארום זאלט אזו גרוש זיין אייר שכר דש איר
זאלטן אויז גילייזט ווערן פון וועגן אייר זכות· נאך מיין איך דש דר מדרש וויל
אונז ווייזן· אונ' לערנן אז ווען איינר זוכה איז דש ער איין פרום וויב הט גוואן
אונ' זיא איז גורם דש איר מאן לערנט תורה· אדר זיא ברענגט אים דש
ער פיל גוטש טוט אז עז גיט פיל פרומי ווייבר דש זיא זעהן דאז אירי מאנן
זאלטן תורה לערנן· אונ' זיין אדריך אירי מאנן אונ' קינדר צו גוטן מעשה איז
דש וויב גורם דש איר מאן מקיים איז דיא תורה· אונ' בזכות תורה ווען די
ישראל אויז גילייזט ווערן דרום איז גיגליכן דש דיא גאולה זאלט קומן פון וועגן
דיא פרומי ווייבר:

**ה** נעמט אייך רמיזות פון דיא ערשטי דורות אז איר גפינדן אין מדרש
דש מרים פלעגט אין צו זאמלן ווייבר אונ' פלעגט זיא צו לערנן די הייליגי
תורה· איך מיין דז איר קענט אויך טאן דען עז זיין מיטגדרט פיל ספרים אויף
טייטש גימאכט גווארן: איר גפינדן בייא מרים די נביאה שטיט גשריבן:

ו וַתִּקַּח מִרְיָם הַנְּבִיאָה אֲחוֹת אַהֲרֹן אֶת הַתֹּף בְּיָדָהּ וַתֵּצֶאןָ כָל הַנָּשִׁים אַחֲרֶיהָ בְּתֻפִּים וּבִמְחֹלֹת וַתַּעַן לָהֶם מִרְיָם שִׁירוּ לַיי כִּי גָאֹה גָּאָה וגומר:

דז איז טייטש אונ׳ זיא נמאט אריס די וואר זאגרן איין פויק אין איר האנט רט״י
אמלט דז איז איין אין כלי זאר אונ׳ זיא גינגן אות אלי וייבר נאך איט פויקן אונ׳
טאנצן אונ׳ אריס טרייאט אן לו זיא דז זיא זאלטן גאט לובן אונ׳ זינגן · דען ער הט
גהערשט איין הערשונג דאט אלי פפערד א׳ כ׳ רייט וועגן פון פרעה האט ער
גווארפן אין (ים) · איר איינן דט דיא פסוקים ווילן א׳ג וויין דט דיא ערשטי
דורות זיינן דיא נשים זער פרום גוועזן דאט זיא הבן זיך ניט גיאישט לוויטן
פרעאדי אמנן · דרום זיינן ניט גידאלט דיא וייבר אין שירה ווימ דיא ונשים
הבן גזונגן · דען זי הבן זיך ניט וועלן וויין פר פרעאדי אמנן דא אריס הט געהן
דט קיין משה איז ניט בייא דיא שירה · דא נאט זיא איין פויק אונ׳ הט אן גהבן
לו זינגן נ׳א דט דיא וייבר הערן דז אריס איז דוא · אונ׳ זיא קאאן אלי איט פויקן
לו גין לו אריס איט גיזאנג אונ טאנצן · אונ׳ אריס טפראך לו זיא לובט גאט דען
אלאעכטיגן דז ער הט פרעה אונ׳ אלי זייני פערט אונ׳ רייט וועגן אין ים גווארפן
נוא פון דאנן קאנן איר לערנן דאז דיא וייבר זיינן פרום גוועזן דט זיא זיך ניט גוויזן
הבן פר פרעאדי אמנן · אונ׳ אן זאלט ניט דענקן דט זיא הבן גהאט איין לשט
טאנצן ארר זונשט זיך לוסטיג אכן איט גילוסטיקייט פון עולם הזה · ניירורט
אירי גידאנקן וואַרן דאט זיא זאלטן אויך זוכה זיין לו דיא היליגי נבואה · אז וויא
שרייבט דר אלשיך דט זיא הבן פויקן גינואן איז אן גוועזן פון וועגן דט זיא זאלטן
דער וועקן איט פרייד דיא היליגי נבואה · גלייך אז איר גפינדן בייא דען נביא
אלישע נוא קאן אן זעהן דז זיא זיך ניט האבן וועלן וויזן פר פרעאדי אמנן · חבר
ניט אז ברורות אלו בעו״ה דאט איין טייל וייבר אלטן ניט אונ׳ איטן זיך לוויטן
פרעאדי אמנן אונ׳ איין טייל גיען אויך זונדר טואר ברחובות נשוקים וועך אן
טון זיא ניט האשט טואן זיא דאך וועך טון איין טייל דיא דא האבן גאטש ווארן
לוויטן פרעאדי לייט · דאך גהער זיא לו זעהן דט זיא ניט זאלטן גין זונדר טואר
א׳כ׳ דיא זעלביגי נשים דיא דא וואונן אויך דיא ישובים גיהערן טטארק גווארנט
זיין דט זיא ניט זאלטן אליין זיין זונדר טואר אונ׳ איטלכר פרואר יהודי גהער דט
אין אכט לו נעמן · דרום איז ניט רעכט דט איר אויזדר טולגיט לו גלייך איט די
אמנן אונ׳ עטליכי זיינן די זיך פלייסן לו גין גלייך איט די אמנן זיא זעהט דט גערן
דט די גאנלי וועלט זעלט אויך זיא זעהן · ובפרט אויך חתונות אונ׳ סעודות דא
גיט עט נוא לו בייא איין טייל אוב עז זיינן טון פיל דיא גינין פון אלה וועגן דז זיא
וועלן אשאה זיין חתן אונ׳ כלה · אז עט גיט פיל פרואי וייבר דיא טואן פיל
גוטש אן ארויזליט · דאך גיהער אן זעהן דז אן ניט זאלט לו עבירות קואן דען
וועך זיא זיך וועלן איטן לוויטן פרעאדי אמנן פיליכט קען זיא לו ביזי גידאנקן קואן ·
אויך ברענגן אנדרי לייט לו ביזי גידאנקן וועך דיא אלוה לו איין גרוטי עבירה דען
לו ערשטן זעהט ער איט דיא אויגן אונ׳ קואט לו ביזי גידאנקן · אונ׳ דר נאך אז
ער איין טרונק אין קאפ האט פאנגט ער אן לו טאנצן איט פרעאדי וייבר וין טני
לוחות הברית שטיט וויא דיא זעלביגי גיען איט פרעאדי וייבר טאנצן דרום
שטיט יד ליד לא ינקה דט איז איין ראז דיא דא גין טאנצן איט פרעאדי וייבר אונ׳
כנאן זיך אן איט דיא הענט לו זאאן · דט איז גוויזן דט ער ניט ווערט לידיג פון
זיינר וועך ער טון טט באעטה טוט הט ער דאך ביזי גידאנקן חבר אויטליכי פרואי
קעטטליכי וייב גיהער זיך דענקן דט זיא איז אין דיא וואר האפטיגי אונ׳ היליגי

מאוגת ישראל דיא זיינן גיקליבן פֿון שבעים אוּמות. אוּם וויל דאז איר זעלן זיך
ריינטליך אוּנ׳ הייליג. הלטן אוּנ׳ אוּירלייא גילעגנהייט גיהער זיך ניט לו ווייזן אויך
אין חתונה אדר אין סעודה פֿר פֿרעמדי אמגן: שלמה המלך זאגט
ז אַל תֵּרֶא יַיִן כִּי יִתְאַדָּם כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ
יִשָּׁךְ וגומר עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת:

דז איז טייטש ניט דוא זאלשט זעהן דען וויין דש ער רוט איז דש ער טוט געבן
אין בעכר זיין אויגן ער טוט גין אין דיא רעכט פֿערטיג. אבר זיין לעלטי איז
גלייך אז איין שלאנג דיא בייזן טוט דייני אויגן פֿרעמדי וועלן זעהן. אוּנ׳ דיין
הערלן ווערט פֿר קערטי: אלן אמכן רידן אין דיא פסוקים קען אין פֿרעגן וואז
האבן זיא איין ביהעפֿטונג לו אנדר דש שלמה המלך הט זיא לו זאמן גיזעלט.
אוּנ׳ נאך קאן אין פֿרעגן וואז הט ער גימיינט דר מיט דש ער האט גיזאגט (ולבך
ידבר תהפוכות) ווישׂ קאן ער מיט זיין הערלן רידן איינן מיר דש דיא פסוקים
וועלן מזז רידן דען דז איז ידוע ניט אז דז הייליגי בית המקדש איז חרוב גיווארן
טמר אן זיך ניט שמאח זיין בסעודת הרשות נייארט בסעודת מצוה. אבר די
שמחה גהערט זיין בעסק המצוה דהיינו אין גיהער לו רידן דברי תורה אדר
אמארים לו זינגן. אבר ניט דש אן זעלט זיך לוסטיג אמכן מיט גזאנג אוּנ׳ שפילן
בפֿרט אז אין דיא לייטן דש אויך איין סעודה קואן לו זאמן מנשים מיט נשים.
אוּנ׳ ווען ער טון ניט בריעה הט חס ושלום לו טואן איין עבירה אוּנ׳ זלט אויך
איין מורט. אוּנ׳ דש ער וויל ניט זעהן נייארט פֿר זיך דאך מז ער ניט אייגליך דש
ער קענט אויך זיין פֿלאטץ בלייבן וויל ער זיך אן טרינקן. דא ווייסט ער ניט
זעלבשט וואז ער טוט דען אילונדרט איז דען רוב מיר גדאנקן אויך סעודת לו גין
פֿון עסין אוּנ׳ טרינקן וועגן. בפֿרט עז זיינן פֿיל לייט דיא זיך הלטן פֿר איין חיוב
דש זיא אוזן זיך רעכט שיכור טרינקן.
ח דרום הט שלמה המלך גזאגט (אל תרא יין כי יתאדם) כלומר ניט דוא
זאלשט זעהן אויך דען וויין לוסטיג לו אמכן אוּנ׳ שטארק טרינקן ביז דוא
ווערשט רוש ווערן. דהיינו דוא ווערשט רעכט שיכור זיין אבר איך זאג דיר דש
דוא זאלשט ניט אזו שיכור טרינקן. ווען שון דוא ווערשט זאגן איך וויל קיין בייז
טואן ווען שון איך וויל שיכור ווערן דען איך וויל פֿר איר זעהן איין בעכר. אוּנ׳ וויל
ניט זעהן אויך פֿרעמדי ווייבר דאך זאלשטו ניט טואן. דען אז אן שיכור איז אזו
וויס ער ניט זעלבשט וואז ער טוט דר נאך אמכט ער זיך איין היתר אוּנ׳ גיט אויז
טענלן. ביז ער קואט לו דר עבירה בעו״ה דז ער נעאט דר נאך פֿרעמדי ווייבר
בייא דר האנט אוּנ׳ טענלט. אוּלהם ווישׂ איין שמחת מצוה איז דש וואז ווערט
ווייטר. קריגט ער בייזי גידאנקן דרום זאגט ער (אחריתו כנחש ישך) דש איז
פֿייטש דר סוף דר פֿון איז דש ער ווערט גיבישן פֿון דען חטא. גלייך אז וויא פֿון
איין שלאנג כלומר אז וויא איין שלאנג בייסט שטיל. אזו קואן זיין זינר מיט גדאנקן
אז נער זיא האלט בייא דר האנט. דרום זאגט ער (עיניך זרות יראו) אמכט דר
(אבן עזרא נשים זרות) דש איז טייטש פֿרעמדי ווייבר. דען בעו״ה דר טרר
א׳ רידא טענלן לו זאאן זעהן זיא זיך אן דרום זאגט ער דש דוא ווערשט מיט דייני
אוגן זיכריגן לו זעהן פֿרעמדי ווייבר. נאך אז ער איז גאר לוסטיג דא פֿאנגט ער
אן לו רידן אויך דברים רעים אוּנ׳ נבלות פה. דען ביז אלהער האט איין הערלן
גילושט

ד צו ווישן דש הש"י הט אויז דער וועלט פֿון דיא גאנצי וועלט אונזרי הייליג'
אבות (אברהם יצחק אונ' יעקב) אונ' דא אברהם אבינו איז אלט גוועזן
דרייא יאר הט ער דר קענט דיא איינציקייט פֿון הש"י ב"ה אונ' איז אין פֿייאר גוואָרפֿן
גוואָרן וויל ער הט פֿר שולט אל דיא אב געטר. אונ' הש"י הט אים בהיט פֿון
דען גרושן פֿייאר. אונ' איז פֿר זאלט גוואָרן פֿון גאט אין אורלייא גלעגהייט אונ'
צו לעצטן איז ער פֿר זאלט גוואָרן דש ער זאלט ברענגן זיין איינציגן זון יצחק צו איין
קרבן. אונ' ער איז ניט דר ווידר גוועזן אויך יעקב אבינו דר איז געהייליגט גוואָרן
פֿון גאט אונ' ער הט בלוואונגן אין אלק. אונ' פֿון וועגן דז הש"י הט ליב גיהט
אונזרי עלטרן פֿון דעשט וועגן זיינן איר וואָרן אויז גקליבן צו זיין דינשט צו געבן
אונז דיא אייביגלייכי ערב בעולם הבא אז וויא הט גזאגט משה רבינו

רַק בַּאֲבוֹתֶיךָ חָשַׁק יְיָ לְאַהֲבָה אוֹתָם וַיִּבְחַר בְּזַרְעָם אַחֲרֵיהֶם בָּכֶם מִכָּל הָעַמִּים׃

דש איז טייטש נייארט צו דייני עלטרן הט גלושט גאט צו ליב הבן זיא אונ' ער הט
אויז דר וועלט פֿון איר זאמן נאך זיא אן אייך אוּן אל די פֿעלקר: דש פֿינפֿטי געהערן
איר צו ווישן (לא קם ב' ישראל כמשה עוד

ה נביא) דש איז טייטש ניט פֿון איז אויך געשטאנדן צו ווישן ישראל אז משה
נאך איין וואר זאגר אונ' דיא גרושי וואונדרלייכן דיא דא זיינן געשעהן אז
ער גבאָרן איז גוואָרן דא וואר גרט ליכט אין הויז אונ' אך וויא ער איז גוואָרפֿן אין
דען גרושן וואסר אבר הש"י ב"ה הט אים בשירמט פֿון אלים בייזן אונ' פֿר איז
דש הש"י ב"ה הט געטאן גרושי וואונדרלייכן דורך אים בייא פרעה דש ניט
געשעהן איז נאך אונ' ווערט ניט געשעהן ביז משיח ווערט קומן. אונ' ער איז
גוועזן דר ליזר דש דורך אים זיינן אונזרי עלטרן אויז גליזט גוואָרן פֿון מצרים מיט
גרושי וואונדרלייכן אונ' ער הט געבראכט איין ליזונג אונ' איין הייל אויך דער
וועלט אונ' קיינר ווייש ניט וואו ער איז בגראבן גוואָרן

ו דז זעקשטי ווישנשאפֿט געהערן איר צו ווישן פֿון דען אויז גאנג אונזרי
עלטרן פֿון מצרים:

אָנֹכִי יְיָ אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים׃

דש איז טייטש איך בין גאט דיין גאט דר דיך הט אויז גלוגן פֿון דש לאנד מצרים
פֿון הויז דיא קנעכט. דש איז דר אן פֿאנג פֿון דיא צעהן געבאט פֿון אלמעכטיגן
גאט. דר אונז אויז מצרים אויז גפֿירט הט איר קינדר ישראל געהערן אין אכט צו
נעמן דש הש"י הט אונז אויז גליזט פֿון מצרים מיט גרושי וואונדר וויא ער האט
פרעה געשלאגן מיט צעהן פלאגן אונ' דז ער פרעה הט גמאכט זיין פֿאלק אין ים
גוואָרפֿן הט. אונ' דיא ישראל זיינן גיגאנגן דורך ים טרוקן פֿוס. דרום איז בילייך
דז איר זאלט אלי צייט טאן זיין געבאט מיט גרושט ליבשאפֿט אונ' צו דינן אים גלייך
אז איין קנעכט דינט זיין הערן דז ער אים געלאזן הט פֿון זייני פֿיינד

ז דז זיבנטי ווישנשאפֿט געהערן איר צו ווישן

וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי יְיָ אֱלֹהֶיךָ בְּחֹרֵב׃

דז איז טייטש דען טאג דען דו גשטאנדן בישט פֿר דיין גאט אויף דען בערג חורב
דו זאלשט אלן ווישן צו דיין קינדר איר געהערן אלי צייט צו דענקן דז אנטפֿאנגן דיא
הייליגי וואָרהאפֿטיגי תורה פֿון אלמעכטיגן גאט אויף דען בערג סיני מיט
גרושי

גרושי וואונדר אונ' צייכן מיט גרוש פייאר אונ' פלאם אונ' גרושי שטים אז משה
רבינו הט גזאגט:

**את הדברים אלה דבר יי' אל כל קהלכם בהר מתוך האש:**

דז איז טייטש אונ' דיזא ריד די דאזיגי ריד דיזא גאט הט גרעט צו אל דז איין זאמלונג אויף דען בערג צו מיטן דז פייאר: דרום געהערן איר דיזא הייליגי תורה ליב צו הבן צו דענקן אלי טאג וויל איר דאך הבן אזו אנטפאנגן מיט גרוס וואונדרליכי צייכן דיזא ניט נאך אזו גוועזן זיינן אין די גאנצי וועלט אזו אונז דאך זיין דז די הייליגי תורה בלייבט אייביג אונ' אימר ניט דז זיא זעלט פר ענדרט גווארן זיין אויך ווערט זיא ניט פר ענדרט ווערן אז וויא זי הבן גזאגט אונזרי נביאים אויך אין אלמי וויא איז גשריבן אין פרק ז':

ח דיזא אכטי ווישנשאפט געהערן איר צו וויסן דען גרוסן גנאד וואז הש"י ב"ה הט געטאן צו אונזרי עלטרן דז ער זיא הט גפירט דורך דען (מדבר הגדול) וויא משה רבינו הט גזאגט

**המוליכך במדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים:**

דז איז טייטש דר דיך גפירט הט אין דען גרוסן אונ' פארכטליכן ווישטנייא דיזא ברענגיגי שלאנגן אונ' עקדים דארט קיין וואסר אונ' הש"י הט זי גפירט זעלבשט אז עז שטיט אין פסוק

**ויי' הולך לפניהם יומם בעמוד ענן לנחותם הדרך ולילה בעמוד אש האיר להם ללכת יומם ולילה** דז איז טייטש אונ' גאט גינג פר אן ביא טאג אין איין וואלקן דז ער זיא פירט דען רעכטן וועג אונ' ביא נאכט מיט איינר פייארני זייל דש ער אינן לייכטט דז זיא זעלטן ביא טאג אונ' ביא נאכט. אונ' דער עמוד הענן איז גיגנגן פר זיא אונ' הט אמכן גלייך אל דיא בערג אונ' טאל אויך הט ער גטיט אל דיא שלאנגן דיא גרוס זיינן גוועזן אז דיא באלקן. אויך הט ער גשפייזט זיא פירציג יאר אין דען מדבר מיט דען מן פון הימל אונ' מיט פיגל. אונ' אויך אור זייא וואשר דיא זיין גפלוסן אור וועגן וואו זיא זיינן גיגאנגן. אונ' איר קליידר זיינן ניט פר פוילט גווארן פירציג יאר דז אזו איין גלייכנש איז ניט געהערט גווארן אין דיזא גאנצי וועלט דז איר קענן זעהן וויא איר זיינן אויז גקליבן גווארן פון די גאנצי וועלט צו זיינר דינשט אויף אייביג:

ט דז ניינטי ווישנשאפט איז. געהערן איר צו וויסן דז הש"י הט גיגעבן דז הייליגי לאנד צו אונזרי עלטרן דורך דען נביא יהושע דער תלמיד פון משה רבינו מיט גרושי וואונדר אונ' דז ער געטאן הט וויא ער הט צו ישראל גפירט איבר דען ירדן דען גרוסן וואסר מיט טרוקן פוס. אויך הט ער אמכן שטין די זון אונ' דיא לבנה דז ער הט קענן טיטן אל זייני פיינד. אויך וויא גאט הט פון הימל הראב גווארפן גרושי שטיין צו טיטן זייני פיינד: אונ' ער הט בצוואונגן נויין אונ' דרייסיג מלכים. אויך דיא גרושי וואונדר וואז זיינן גשעהן דורך די נביאים גדעון ושמשון:

י דיא צעהנטי געהערן איר צו וויסן דז דיא הייליגי נבואה איז ניט גוועזן ביא קיין אנדר פאלק נייארט ביא אונז ישראל גליבט פאלק דאז הש"י ב"ה האט גרעט מיט דיא נביאים אונ' הט געטאן גרושי וואונדר אויך אליה הנביא הט געטאן וויא ער דז פייאר פון הימל הט גברענגט צו פר ברענגן זיין קרבן אונ' אויך פיל

ענדרי

אנדרי וואונדר וואז גאט גטאן הט דורך אים אויך הט ער גשפאלטן דען ירדן
אונ' איז גיגנגן דורך טרוקן פוס אונ' ווא ער איז גנומן גווארן אין הימל מיט
איין פייארני רייט וואגן אונ' פייארני פפערד · אך זיין תלמיד דר נביא אלישע
הט אויך דען ירדן גשפאלטן אויך פיל וואונדר גשעהן דורך אים · אונ' זיא
האבן לעבנדיג גמאכט דיא טוטין דז אזו איין גלייכן איז ניט גוועזן · וויא
בקענן אל דיא אומות העולם אונ' האלטן אונזרי נביאים הייליג · נוא קענן
איר זעהן דש הש"י ב"ה הט אונז ליב גהאט אין אז אל דיא פעלקר אין
דר וועלט :

יא דיא איילפטי גהערן איר צו וויסן פון מלכות בית דוד דז איז דור אלך
המשיח דר איז גמאלבט גווארן פון גאט איבר כל ישראל אויף איביג
אונ' הש"י ב"ה דר הט אים גרושי וואונדר גטאן אונ' עז האט קיין מלכות
גהאט אזו איין גנאד אין גאטש אויגן ניימרט דוד המלך · אז איר זעהן דש
זיין ספר תהלים ווערט גזאגט אין דיא גאנצי וועלט אויך זיין זון שלמה
המלך איז אויך גשעהן גרושי וואונדר דז ער הט דאש ב"ה גבויאט · אונ' אויך
צו זיין זון יחזקיה דש סנחריב דר קיניג פון אשור איז גקומן מיט איין גרוש
מחנה אין צו נעמן ירושלים · אונ' הש"י האט גשיקט איין מלאך אונ' האט
טיטן אל זיין מחנה : אונ' לעתיד לבא ווערט דוד המלך ווידר איין
הערשאפט האבן איבר דיא ישראל אז וויא דר נביא ירמי' אונ' יחזקאל הט
גזאגט ( ודוד עבדי נשיא להם ) דש איז טייטש אונ' איין קנעכט דוד ווערט
זיין איין הער צו ישראל :

יב דיא צוועלפטי וויסנשאפט גהערן איר צו וויסן פון דען הייליגן הויז
דז איז גוועזן דז בית המקדש וואז שלמה המלך הט גבויאט די גרושי
וואונדרליכי זאכן וואז גשעהן זיינן אין בית המקדש : אז איר גפינדן אין
ספר מלכים :

וכל בני ישראל רואים ברדת האש וכבוד יי על הבית ויכרעו אפים ארצה :

דז איז טייטש אל דיא קינדר ישראל ווארן זעהן דאש פייאר נידרן פון הימל
אונ' דיא עהר פון גאט ווער פול דז הויז אונ' זיא קניאן אונ' פאלן אויף דר
ערדי · אונ' אויך דיא גרושי וואונדר וואז עז גשעהן איז ווען כל ישראל זיינן
גקומן אם ימים טובים דהיינו פסח שבועות סוכות אין בית המקדש די
ניא נאך אזו גשעהן זיינן אין דיא גאנצי וועלט · דרום גהערן איר צו האלטן
דש הש"י ווערט אונז ווידר וויזן זיין ליבשאפט דורך משיח אונ' אליה הנביא ·
אונ' ווערט אונז בויאן איין בית המקדש דז עז ווערט בלייבן אין איביקייט :
אז וויא גזאגט הט דר נביא מיכה :

והיה באחרית הימים יהיה הר בית יי נכון בראש ההרים כי מציון תצא תורה
וגו' :

יג דז דרייצעהנטי וויסנשאפט גהערן איר אויך נעמן אייך פר שטאנד
דז הייליקייט פון דען כהן גדול דר איז גקליבן גווארן פון אל די כהנים
דיא צדיקים · אונ' עז הט קיינר ניט בידרפט צו קומן אין בית המקדש ניימרט
דר כהן גדול אם יום הכיפורים · אונ' דיא גרושי וואונדר וואז זיין גשעהן דר

כהן גדול ווען ער איז דרינן געוועזן אויך ווען ער איז ארויז גיגאנגן פון בית המקדש: אז ווי דער פייטן זאגט

כְּדְמוּת הַקֶּשֶׁת בְּעָנָן מַרְאֵה הַכֹּהֵן:

דיז אייגנטייטש אז די גשטאלט איין רעגן בויגן דער זיך ווייזט אין וואלקן אזו איז געוועזן דאש גשטאלט פון דעם כהן גדול ווען ער איז ארויז דען בית המקדש גיגאנגן. אויך טייטש אין דער גמרא אונ' אויך אין יומא פון די וואנדר וואז געשעהן איז שמעון הצדיק דער כהן גדול מיט אלכסנדרוס מוקדון. אונ' ווייל מיר זעהן דאש עז איז ניט גשעהן אזו איין גלייכנש. אזו זאגן מיר זאגן דאש הש"י ווערט אונז ווידר ווייזן גרושי וואונדר אונ' ווערט אונז ווידר קעמן מיט ליבשאפט:

יד די פירצעהנטי ווייזט שטראפט געהערן מיר צו ווישן זונן ט' דאש בית המקדש איז פר שטערט געווארן פון וועגן אונזרי עוונות גרושי זינד. די האט הש"י ב"ה גרעכנט אן דעם ערשטן נבוכד נצר דאש ער נאך פון זיין זין גקווען אונ' איז גלופן אין וואלד צווישן חיות זיבן יאהר. אונ' הש"י ב"ה האט איך גהיט די דיא חיות זעלטן איין ניקש טאן ביז דיא זיבן יאהר וואר אויז. אונ' ער איז ווידר גקווען צו זיין אפגנטליכן פר שטאנד אונ' איז ווידר איין אלך געווארן אונ' האט בקענט זיין גרושי זינד: אז שטיט אין דניאל

מְשַׁבַּח וּמְרוֹמֵם וּמְהַדַּר לְמֶלֶךְ שְׁמַיָּא דִּי כָל מַעֲבָדוֹהִי קְשׁוֹט וְאֹרְחָתֵהּ דִּין וְדִי מַהְלְכִין בְּגֵוָה יָכִיל לְהַשְׁפָּלָה:

די איז טייטש לוב אונ' דר היך אונ' בישין צו דען קיניג פון דעם הימל. די אן זייני ווערק זיינן ווארהייט אונ' זייני שטייג גרעכט. אונ' דיא דא גין אין האפרקייט דיא קאן ער נידריג מאכן: אויך צו זיין זון בלשצר דא ער האט דיא כלים פון בית המקדש גנומן צו טרינקן דרויז אונ' פון הימל איז ארויז גקווען איין שטיק האנד. אונ' האט אויף גשריבן דאש די קיניגרייך פון בבל ווערט פר לארן ווערן אונ' דער אלך פון פרס ווערט אב נעמן דאש גאנצי לאנד אין זיינר האנד:

טו די פונפצעהנטי ווייזט שטראפט געהערן מיר צו ווישן דאז צעהן שבטים זיינן פר טריבן געווארן הינטער מאבטיין דורך דיא קריגן פון אשור: אז ווא שטיט אין מלכים אויך בלייגן איין טייל פון אומות העולם די עז זיינן פיל פון דיא שבטים דיא האבן איר קיניגרייך אז: אויך טרייבן פיל ספרים דר פון. אבר שבט יהודה אונ' בנימן אונ' פיל כהנים אונ' לוים זיינן פר טריבן געווארן אין בבל דורך דען אלך נבוכד נצר אונ' אין זיבנציג יאהר זיינן זיא ווידר גקווען אין ארץ ישראל. אונ' זיינן געזעסן אנדר אז פיר הונדרט יאהר. אונ' ווייל זיא האבן געהאט דיא גרושי זינד פון קנאה ושנאה דאז דורך דען איז פר גאסן געווארן פיל בלוט אזו איז ווידר פר שטערט געווארן דורך טיטוס הרשע. אונ' זיינן פר שטרייט געווארן אין דיא גאלות וועלט ביז הש"י ווערט שיקן אונז אלך המשיח אונ' אליה הנביא דיא ווען אונז אויז לייזן אין דאז איביגליכי לעבונג ווי דיא הייליגי נביאים האבן גזאגט:

זאלט אל וואז דר הייליגי זוהר שרייבט אין פוסקים ווען איין פרויא די ניט רעכט הלט דיא טעג פון נדה אונ' דיא טעג ווען זיא וייס אן ליגט אויך ווען זיא זיך טובֿל איז אייער דיא צייט איז דיא זעלביגי איז גורם דאז איירי קינדר שטארבן אורבליצלונג הש"י זעלט שואר ישראל זיין אונ' זונשטן דען גרושן שטרף וואז זיא ווערט ליידן אי"ך יענר וועלט ווען זיא קיין תשובה האט געטאן: נו זיך שטיט אין ספר שני לוחות הברית פון וועגן דען זוהר דאז אזו וואל דיא עבֿירה איז גרוש ווען זי זיך טובֿל איז פר איירי צייט אזו איז עבן די גרושי זינד ווען זיא זיי ניט טובֿל איז אן איירי צייט אוב זיא עז טוט פון וועגן דז זיא לענק איט אירן אוי האט. אדר זונשטן איירי גדאנקן דש ער זעלט איר קאפן קליידר אונ' וואז ז בגערט צו קאפן דיא זעלביגי זיינן פיל ביז גורם אום ווילן איירי זינד. אונ' חכמים שרייבן דאז אזו וואל ווען זיא נדה איז דאז זיא ניט דארף עשן איט ר אמן פון איין טישל אזו אויך דארף זיא ניט עשן איט אירן אמן ווען זיא ווי גליגט האט. אונ' מיטלכי פרואי פרויא גהער זיך צו היטן וואז איגליך איז. שטיט אין שני לוחות הברית דיא וייבר דיא אין קינד בעט זיינן אונ' עשן טריקן זונדר ברכה גלייך אז דיא בהאות זיא טואן ניט רעכט ייארט זיא גה אין גדאנקן צו האבן מיטלכי ברכה בזונדר אונ' צו געבן איין לוב צו הש"י ב"ה ד ער זיא האט בשיראט פון טויט צו דען לעבן:

## חלה

דז געהערט איר געוארנט זיין צו נעאן חלה אונ' גדאנקן צו האבן דאז די זינד פון חוה זעלטן פר געבן זיין אום ווילן דז זיא האט אבן טיטן אדם הראשון. דר איז געוועזן הייליג דען ער איז בשאפן געווארן פון דיא הייליגי ארד פון בית המקדש. אונ' וויל חוה האט ניט געוארט ביז דער הייליגי שבת איז גקואן. דרום זעלט איר איילונדרט אוי ערב שבת נעאן חלה דז איז אויך איין ראז אין דז ווארט חלה דאז איז (נטריקון חוה לא המתינה) דאז איז טייטש חוה האט ניט געוארט ביז דער הייליגי שבת ווערט קואן אונ' האט גזינדיגט אי שבת איז גקואן. אונ' דעשט וועגן איז גשטארבן אדם הראשון דער איז געוועזן דיא חוה פון דער וועלט. דרום געהערט איר איילונדרט געווארנט צו זיין צו נעאחלה איט גוטי גדאנקן:

## הדלקת נר

דאז איז שבת צו לעכט צינדן געהערט איר שטארק געווארנט זיין אונ' אן גריטין פאר שבת בפרט דיא זעלביגן דיא דא וואנן אויך דיא ישובים. אונ' אין גדאנקן געהערט איר צו האבן ווידא עז שטיט געשריבן אין פיל ספרים אונ' אויך איז אין זעקשטן פרק.

## בוא

ווען איר שרייבן פון וועגן דען הייליגן שבת דא איר זאלט אטלטוג אין אכט נעאן אין צו האלטן. איר קענט עז זעהן אין איין טייל ספרים אוי דינים דיא דא געהערן צו דען הייליגן שבת: אונ' עז זיינן איין טייל דיא דא וואנן אויך דיא ישובים דיא קיין גאטש פארכט האבן אונ'

לאזן

ערבֿטן אם ה[...]ן שבת אונ׳ בעו״ה פֿר אכֿטן דען הייליגן טאג פֿון
[..]גן דיא עבֿירה זיין גוועזן גרושי גזירות אונ׳ צרות וויא עז שטיט דר פֿון
אין פֿיל ספֿרים. אוי לנו כי חטאנו דאז איר ניט וועלן בעסר ווערן אין דען
שווערן ביטרן גלות דרום וויל איך היר דר מאנן איטליכֿי פֿרומי פֿרויא דיא
בגערט דאז זיא נטאה זעלט אין ג״ע אונ׳ איך צו פֿר וואַרטן אויך דאז
איביגליכֿי היילך זעלט וואל אין אכֿט נעמן דען הייליגן שבת אין אלר
געלעגנהייט דאז גאט זעלט אונז באלד אויז לזן אויז דען שווערן גלות
דורך משיח בן דוד אונ׳ אליהו הנביא :
אמן ·

דיא תחינה זאגט מאן אבינט אונ׳ מורגן :

דו הערר אין דיין געוואלט גאט יתברך בפֿעל איך מיין נשמה אונ׳ מיין לייב
גקוואי איך ביט דיך גאט יתברך דוא דער בארמהערציג ביסט דיין הייליגן
אינן ליגן נאמן גיב מיר געזונטהייט אין אלי מיינה גלידרן אונ׳ בהיט מיך פֿר בייזי
אונ׳ וואוּנד אונ פֿר בייזיגידנקן אונ׳ פֿר קרנקהייטין אונ׳ פֿר בייזי געשיכֿט אונ׳ פֿר
בייזי שעות אונ׳ ביהיט מיך פֿר לנגי קרנקהייט אונ׳ דאז איך ניט עובר ובוטל
פֿווערד פֿר מיינם מאן אונ׳ פֿר גיב מיר מיינר זינד דיא ליידר פֿיל זיינין אונ׳ זייא
איר אוחל דאז איך דיך פֿר מכֿט האב דא איך דיא זינד גיטאן האב אונ׳ זייא
איר אוחל איט דיין דער בראוגג דיא פֿון זיינן אביר ניט איט יסורים ואודר
איט קרנקהייט אביר וואש דו גאלשט אויך איך שיקן וואלשט פֿון וועגן מיינה
זינד אויך דען אום דאש ביט איך דיין הייליגן נאמן גאט יתברך וועלן
איך זאל שיידן פֿון דען עולם דא ביט איך דיינן הייליגן נאמן לאז איך
קיין הערטי מיתה נעמן קיין פֿר לקטי מיתה לאז איך איט וואל בדאכֿטין
זין אונ׳ איט ווין שטארבין דאז איך קאן רייאן אויך מיינה זינד האבן אונ׳ דאש איך
קאן אהרהר בתשובה זיין אין מיינם הערצן אויך מיינה זינד דאז איך קאן
פֿאר ווידי זאגין פֿר מיינם ענד אונ׳ דז איך קאנן פֿאר לוואת טאן פֿר מיינם
ענד אונ׳ דאש איך דיא לייט פֿאר קאן אתוודה ביטן אונ׳ אין אויך קאן פֿאר
אוחל זיין אונ׳ בהיט איך פֿר חיבוט הקבר אונ׳ פֿר דען גיהנם אונ׳ גיב איר
מיין טייל אין גן עדן דאש דען צדיקים ביהלטין איז אים עולם הבא אונ׳
אנטפֿנג איין תפֿילה אונ׳ איין תחינה דען דוא ביסט דער דא אנטפֿנגט דיא
תפֿילה אונ׳ תחינה גלובט ביסט דא גאט דער מיינט פֿאשט דיא תפֿילות
פֿון ישראל אמן :

32